Hebr. Ej. 891
tsulieb nedan
3169

# צוליעב נדן

אַ בילד.

פון העברעאיש פריי איבערזעצט

דורך

א. דאמעראצקי.

וואַרשא תרע"ב
1912

דרוק „אוניווערזאל"
לעשנא 31.

— פרייז 5 קאָפּ'. —

צו בעקומען אין בוכהאנדלונג א. גיטלין, ווארשא, נאלעווקי איוו. באזאר 1

33.

„די גלעגענהייט מאַכט דעם גנב“
(שפּריכוואָרט).

## I.

אין אַ קליין שטעדטעל אין דער ליטאָ.

ערב יום כפור ענדע מנחה צייט.

אַ הייליגע מינוט ביי יעדען יוד.

דער יוד פיהלט זיך עפּעס ווי גאָר ניי געבוירען. די דאגה פון פרנסה, די זאָרג וועגען דעם גראָשען, אַלע וואָכעדיגע, פשוטה געפיהלען בעהאַלטען זיך, פערבאָרגען זיך טיעף טיעף. — דער יוד פיהלט אין זיך עפּעס גאוה. ער ווערט תקיף און שטאָלץ ביי זיך. שפּירט אין זיין הארצען אַ טיעפע שמחה, צומישט מיט שרעק און פּראַכט. ער ווייס, אַז דער יום כפור איז דער „יום הדין“, אין דעם טאָג זיצט דער רבונו של עולם אויף זיין ריכטער־שטוהל און האַלט וואָגשאָלען אין דער האַנד, מיט זיי וועגט ער די מעשים פון יעדען מענשען, עבירות און מצות. היינט ווערד אין הימעל אַרויסגעגעבען אַ דעקרעט: מי יחיה ומי ימות, ווער ס׳זאָל ווייטער בלייבען לעבען און ווער ס׳זאָל שטאַרבען. נאָר די אימה פון דעם דאָזיגען גזר־דין דערשרעקט איהם נישט. ער ווייס, דער יוד, אַז ער איז אַ תקיף ביי „בית־דין של מעלה“, אין די אויבערשטע וועלטען: ער האָט גוטע מליצים און זכות אבות; ער האָט יצחק׳ס עקדה; ער האָט אַ לאַנגע קייט פון צדיקים און צדקניות, וואָס זענען געהרג׳עט געוואָרען אויף „קדוש השם“, וואָס האָבען זיך געלאָזט אָנטהון ענוים קשים, געברענטע לעבעדיגע יסורים צוליעב זייער תורה און צוליעב זייער אמונה. און די דאָזיגע גוטע מליצים וועלען דאָך געוויס ביישטעהן, געוויס מלמד זכות זיין, און גאָט געדענקט אין צאָר׳ן רחמנות צו האָבען, דען ער איז דאָך אַ „רחום וחנון!“

די קלאָרע ליכטיגקייט פֿון דער זון ווערד אַלע ווײַלע קנאַפּער. טונקעלע שאָטענס שפּרייטען זיך אויס אַרום און אַרום.

די יודען מאַכען זיך גרייט, צו מקבל פּנים זײַן דעם הייליגען און שרעקליכען טאָג.

אַ טהייל פֿון זיי פֿערשליסען שוין זייערע אָפֿענע געשעפֿטען און זאָגען אָב זאָגאַר די בעסטע קונדען: „עס העלפֿט ניט, עס איז שוין שפּעט, מען מוס צומאַכען!“ — אַ טהייל לויפֿען נעשווינד פֿון דעם מרחץ אַהיים; דער באָרד און די פּיאות זענען נאָך נאַס פֿון דעם מקוה־וואַסער. אַ טהייל אײַלען שוין שנעל אין שול אַרײַן, דאַוונען מנחה, זיך לאָזען שלאָגען מלקות, ארבעים חסר אחת, פֿיערציג ווענינער איינס, כדי אָבצוקומען דער־מיט די שווערע נראָבע חטאים. און אַ טהייל האָבען שוין אָבגעגעסען די „סעודה מפסקת“ און געהען איצט אין שול, צו צונעהמען דעם הייליגען טאָג מיט תפלות און תחנונים; אונטערן רעכטען אָרעם דער ברייטער טיעפֿער טלית־זאַק; דאָרט ליגען די שרעקליכע שאַרפֿע געוועהר, אָבצוטרײַבען מיט זיי די מקטרגים: דער טלית מיט נײַע כשר׳ע ציצית, דער סדור, דער מחזור, דער תהלים, דער לקוטי צבי און די תפלה־זכה, און אין דער לינקער האַנד צוויי וועכסענע ליכט, איינע אַ גרויסע אַלס „נר החיים“, און די אַנדערע אַ קליינע אַלס „נר־הנשמה׳.

דער פּוסבאָדען אין בית־מדרש איז פֿערשפּרייט מיט היי. דער פֿוילער ריח און דער דיקער שטויב פֿון איהם איז אַזוי פֿול אומעטום, אַז עס איז כמעט נישט מעגליך דעם אָטהעם אָבצוציהען, עפּעס ווי דאָס איז אויך צו אַן׳ אָבקומענעש פֿאַר בעזע זינד געמאַכט, אָדער כדי דער מענש זאָל עס זעהען און זיך דערמאָהנען, אַז דער סוף זײַנער איז כ„ציץ נובל“, ווי אַ פֿערוועלקטער גראָז, „וכאבק פּורח“, ווי אַ פֿליהענדיגער שטויב.

אַ טהייל שטעהען און דאַוונען גאַנץ ערנסט מנחה און קלאַפּען זיך שטאַרק אין האַרצען „אשמנו“ „בגדנו“ מיט אַ וויינענדיגען קול, און אַ טהייל בעשעפֿטיגען זיך מיט דעם אַרײַנשטעלען די וועכסענע ליכט אין ראָנדלעם, סאַגאַנעס, קופּראַקעס, טעפּ, קווערט, מערזלען, וואַש־שיסלען און זײַפֿקעסטלעך, וועלכע זענען אָנגעפֿילט מיט נאַסען זאמד; איינער גנב׳עט זיך צו בשתיקה צום עמוד, נעהמט אַרויס פֿון דער מנורה צוויי וועכסענע ליכט, וואָס שטעהען שוין פֿון פֿריהער, און שטעלט זײַנע אַרײַן; איינער אַ שנײַדער׳ל טרעלט אָב פּלוטצים אויפֿ׳ן קול „נקדישך!“

בײַם טיש, ניט ווײַט פֿון אָרון קדש, שטעהט דער שמש מיט אַ לעדערנעם פֿאַס אין דער האַנד. פֿאַר איהם ליגט איינער, פֿון די אָנגע־

זועהענע בעלי־בתים, אויף דער ערד מיט'ן פנים אראב. ער קלאפט זיך מיט'ן פויסט אין הארצען „אשמנו" אונטען, און דער שמש צעהלט מיט זיין פאס אויבען: והוא רחום יכפר עון... ביז פיערציג ווענינער איינס. דער אנגעזעהענער בעל־הבית שטעהט אויף מיט הכנעה, בעצאהלט דעם שמש פאר זיין טרחה, און א צווייטער זינדינער מענש פערטרעט זיין ארט, נאכהער א דריטער און א פיערטער, און אלע נעהמען פאר־ליעב די קלעפ פון דעם שמש, אפילו ר' לעמעל, וואס אלע טעג פון א גאנץ יאהר האט דער שמש ביי איהם א צורה ווי דער כלב, זידעלט, שילט און מאכט איהם מיט דער בלאטע צוגלייך, און א סך מאל, כדי בעסער צו פיהלען, שיינקט ער איהם ר' לעמעל נאך א פאר פעטש אויך, וועלכע דער שמש איז מקבל באהבה, — אפילו אט דער ר' לעמעל געהט אויך צו איהם צו מיט אונטערטעניגקייט און פשוטקייט, ציהט זיך אויס אויף דער ערד, צו לאזען זיך שלאגען מלקות פון דעם שמש, און ר' לעמעל דער געשלאגענער שטעלט זיך לאנגזאם אויף, די ריסען פון זיין געזיכט זעהען אויס עפעס ווייכער, ווייזען ארויס א פערענדערונג, און ער בע־לויהנט דער שמש פאר זיין האנד־מלאכה! — טאקי, היינט איז דער שמש א תקיף, ביי זיינע פיס מוז יעדערער ליעגען און זיין פאס געוועלטיגט!

און אין פארהויז פון דעם בית־מדרש איז מען פערטהון מיט'ן „טעלער". דארט ביי דער טהיר שטעהט א טיש, ארום איהם זיצען די גבאים און די „פני" פון דער קהלה. פאר זיי שטעהט דער „טעלער". אין איהם נעמען זיי איין דאס געלד פאר די „עליות" און פאר די „שטעדט"; נאר א חוץ דעם גרויסען טיעפען „טעלער" שטעהען נאך א סך קליינע פלאכע טעלערס: דער טעלער פונ'ם „חזון", דער טעלער פון די „משוררים", פון די „שמשים", „הכנסת אורחים", „מלביש ערומים", „סומך נופלים", „רופא חולים", „מתיר אסורים", „תקון סופרים", „שומרים לבוקר", „גמלות חסדים", „הכנסת כלה", „מושב זקנים" און דער טעלער פון דער אלטער רבי'צען, און ביי יעדען טעלער זיצט א בית־מדרש־בחור און מאהנט פאר זיין „טעלער". אין דער לעצטער צייט איז צוגעקומען נאך א „טעלער", דאס הייסט, פאר „ישוב ארץ ישראל", און דער בעל דעה איבער איהם איז איינער פון די יונגע בעל הבית'לעך נאכ'ן לעצטען פאסאן. יעדער איינציגער פון די, וואס קומען צו מנחה, איידער ער געהט אריין אין בית מדרש, בעצאהלט זיין נדר אין דעם גרויסען טיעפען „טעלער" אוןווארפט אריין א פאר קופערנע מטבעות אין די קליינע פלא־כע טעלערס, אום יוצא צו זיין פאר זיך, פאר גאט און פאר לייטען.

## II.

פלטיאל בראַפּ איז געקומען צו לויפען, צוגעגאַנגען צום גרויסען „טעלער", בעצאָהלען פאַר זײַן „שטאָדט", האָט אַרײַנגעוואָרפען עטליכע רויטע גראָשען אין די אַנדערע „טעלערס" און זיך געשטעלט דאַוונען מנחה.

ער האָט געוואָלט דאָסמאָל דאַוונען מיט גרויס כונה, נישט האָבען קײַן שום אַנדערע זײַטיגע מחשבה, אַרײַנגעהמען זיך גוט אין זינען דעם טײַטש פון די ווערטער, אויסגיסען דאָס גאַנצע האַרץ פאַר גאָט אין זײַן תפלה; אָבער אין מ׳ח זענען איהם געקראָכען וואָכעדיגע מאוס׳ע רעיונות, וועלכע האָבען איהם צומישט און צוטומעלט, און האָט נישט געקאָנט בשום אופ׳ן מתפלל זײַן אַזוי, אַז די אויהערן זאָלען הערען און דאָס האַרץ זאָל פיהלען און וויסען, וואָס די מויל זאָגט. נאָר נאָכדעם ווי ער האָט געענדיגט די „שמונה עשרה" און אָנגעהויבען צו זאָגען דאָס „ודוי", איז איהם געלונגען צו ברינגען אין אָרדנונג זײַנע געדאַנקען און וויסען וואָס ער זאָגט מיט׳ן מויל. ווי ער האָט אויפגעהויבען די האַנד, צו שלאָגען זיך אין האַרצען „ג ז ל נ ו" איז זי געבליבען פעסט אין דער לופט און נישט צוגעגאַנגען צום האַרצען. ער איז געבליבען שטעהען אויף זײַן אָרט ווי צוגעשלאָגען מיט נעגעל, ווי איין עלעקטרישע מאַשין וואָלט אָנגעכאַפּט זײַן האַרץ און אויפגעטרייסעלט זײַנע אַלע גלידער. די אותיות פון דעם וואָרט „ג ז ל נ ו" האָבען עפּעס ווי לעבעדיגע געשטאַלטען בעקומען, זיך אויסגעצייגען, לאַנג, גרויס און הויך, געוואָרען ווי ריזען און אַרײַנגעבלעקעט איהם אין די אויהערן: „ג נ ב! ג ז ל ן!" אמת טאַקי, קײַן מענש האָט נישט געזעהען און ווייס נישט וואָס דו האָסט געטהאָן, אָבער מיר זענען עדות! מיר וועלען פאַר דעם כסא הכבוד שרײַען: „האָסט געגנב׳עט און געגזל׳ט!"

ער איז געבליבען אויף זײַן אָרט ווי צוגעשמידט און די האַנד פעסט אין דער לופט ווי פערשטיינערט.

ער האָט זיך דערמאָהנט...

פאַר עטליכע וואָכען איז ער געקומען צו ר׳ זלמן פײַנהערץ. קיינער איז אין שטוב נישט געווען. ר׳ זלמן אַליין איז אויפ׳ן הויף אַרויס. דער שליסעל האָט געשטעקט אין שופלאָד. ער, פלטיאל, האָט נישט ווילענדיג אָנגעריהרט דעם שליסעל. דער שופלאָד האָט זיך עפּעס ווי פון זיך אַליין אויפגעמאַכט. אין איהם זענען געלעגען אייניגע הונדערט רובעלדיגע סיגנאַציעס. און אין דעם אייגענעם טאָג האָט פלטיאל דערהאַל-

טען פון זײַן מחותּן אַ בריעף, אין װעלכען ער צװינגט איהם צו אײנס פון די בײדע: אָדער ער זאָל אײַנלעגען דעם נדן און בעשטימען די חתונה אויף „שבת בראשית״, אָדער בעפרײַען דעם חתן פון די תּנאים.

„איצט איז נאָהנט מײַן הילף!״ איז אַרײַנגעפלױגען אַ געדאַנק אין פלטיאל׳ס מוח. נישט װילענדיג האָט ער אויסגעצװיגען זײַן ציטערנדיגע האַנד צום שופלאָד, און צו די פינגער האָט זיך עפּעס סתּם אָנגעקלעבט אַ הונדערטרובעלשטיק. דער שופלאָד האָט זיך צוריק צוגעמאַכט װי געװען. ער פלטיאל איז זיך אַרױס פון שטוב, און קײנער האָט נישט געזעהען, װען ער איז אַרײַן און װען ער האָט זיך אָבגעטראָגען.

אמת, דאָס געלד האָט נישט געהאַט אַ פאָלקאָמענע רוה אין זײַן קעשענע. אַ סך מאָהל האָט פלטיאל געפיהלט װי אַ שטאָך פון אַ נאָדעל אין זײַן האַנד, װאו דער הונדערטער איז געלעגען. זײַן געמיט איז שװער געװאָרען, זײַן גײַסט פינסטער. שענדליך און מאוס האָט ער אין זײַנע אײגענע אויגען אויסגעזעהען, נאָר ער האָט געפּרופט אַלע מאָל זיך גערעכט צו מאַכען: „די נױט האָט איהם געצװאונגען״, „די מײדעל איז שוין איבערגעװאַקסען״, דער מחותּן װיל די תּנאים צורײַסען, און מיט אַזעלכע תּרוצים האָט ער געפּרופט פערטײדיגען זײַן מעשה און אײַנשטילען דאָס געװיסען, װאָס האָט איהם געדריקט און געשטיקט.

נאָר דאָ איצט, װי ער איז פאַר גאָט געשטאַנען און זיך מתודה געװען אויף זײַנע חטאים, האָט ער געװאוסט, פלטיאל, בײַ זיך, אַז אַלע זײַנע זיך־גערעכטמאַכונגען און תּרוצים האָבען נישט אָן װאָס זיך אָנצוהענגען.

ער האָט בײַ זיך אַלײן אויסגעזעהען װי אַ גנב, װעלכער קומט אין אַ געזעלשאַפט פון פײַנע עהרליכע מענשען, און יעדער װינק, יעדער בליק, װאָס זײ טהוען אויף איהם סתּם אַזױ, מײנט ער, אַז זײ װילען איהם אויספאָרשען, און די ריסען פון זײַן געזיכט פערמסר׳ן איהם, זאָגען אויס זײַן סוד.

און די אותיות פון דעם װאָרט „ג ז ל נ ו״ שװעבען, טאַנצען און שפּרינגען פאַר זײַנע אויגען, אומבײַטענדיג אַלע װײַלע זײער געשטאַלט און זײער פאַרב. אַ מאָל זענען זײ שװאַרץ װי אַ ראָב, און אַמאָל רױט װי פײַער און קריכען אַרײַן און ברענען איהם אויס די אויגען, און אַמאָל זענען זײ גרין װי פּרעה׳ס צפרדעים און שרײַען, קװאַקען אַרײַן אין זײַנע אויהערן: „גנב! גזלן!

און זײַן האַנד הענגט נאָך אַליץ אין דער לופט.

און אויף זײַן שטערען שטעהען גרױסע קאַלטע טראָפּענס שװײס.

פלטיאל האָט זיך אויפגעכאַפּט, ווי פון שלאָף. ער האָט געזעהען, אַז פיעל אויגען קוקען אויף איהם און בעטראַכטען איהם; זאָ האָט ער געענדיגט געשווינד זיין תפלה, צוריק אַ היים געגאַנגען, און דאָס האַרץ איז אונרוהיג אין איהם.

אין דער היים האָט פלטיאל זיך געוואַשען, געמאַכט די ברכה איבער די חלה און גאָר נישט מעהר געגעסען, ווי נאָר אַ פּאָר לעפעל זופּ, אויסגעשווענקט דאָס מויל, אָבגעבענשט און גלייך געלאָפען אין בית־מדרש צו „כל נדרי", האָט דאָרט אָנגעטהאָן דעם קיטעל, איינגעהילט זיך אין טלית ביז איבערן קאָפּ און אָנגעהויבען צו זאָגען מיט כונה די „תפלה זכה".

III.

דער פייערדיגער אָבשלאַג פון דער זון דורך די פענסטערס, די ברענענדיגע וועכסענע גרויסע ליכט, דער גאַנצער אָנגעקליידטער עולם אין ווייסען ווי מתים, די אויסגעגאָסענע טרויערקייט אויף יעדען פנים, דער יאָמערדיגער קול פון די ווייבער, וואָס לעכערט דורך יעדעס האַרץ, דאָס אַלעס האָט אויף פלטיאל'ן זעהר אַ שטאַרקען איינדרוק געמאַכט, און געפונען אַ וויעדער־קול אין זיין פערוואונדט האַרץ און פינסטער געמיט. ער האָט געלייענט די תפלה־זכה מיט געפיהל. זיינע אויגען האָבען פערגאָסען טרהערען, זיין קול איז איהם אַריין טיעף אין האַרצען. יעדעס וואָרט האָט זיך אַריינגעגאָסען ווי רפואות אין זיינע אינווענדיגע גליעדער. ער איז געווען אין דעם דאָזיגען מאָמענט צופריעדען מיט זיין תפלה. ער האָט געוואוסט, אַז יעדער פסוק געהט אַרויס פון זיין טיעפען האַרצען, וואָס איז פול מיט חרטה און געוויסענסביסע; ער איז זיך איצט מתודה, טהוט תשובה ווי געהעריג, און גאָט וועט איהם מוחל זיין, דען ער איז דאָך אַ „רחום וחנון!"

„ועל זה דוה לבי בקרבי, און דעריבער טהוט וועה דאָס האַרץ אין מיר, דען אויף די זינד, וואָס צווישען אַ מענשען מיט'ן אַנדער'ן, איז יום כפור אויך נישט מכפר, סיידען דער שולדיגער זאָל דעם אונשולדיגען איבערבעטען. ועל זה נשבר לבי בקרבי ורחפו עצמותי, און דעריבער איז צובראָכען מיין געמיט און עס ציטערן מיינע ביינער, ווארום אפילו דער טאָג פון טוידט איז אויך דאַרויף נישט מכפר", האָט פלטיאל'ס מויל געשטאַמעלט, און פּלוצלונג איז איהם פינסטערער געוואָרען אין די אויגען און עפּעס אַ מין שרעקליכער פראָסט איז אַריין אין זיינע אַלע

גליִעדער. ער האָט נאָכאַמאָל געלייענט, און יעדעס וואָרט האָט איהם ווי מיט אַ נאָדעל געשטאָכען. ער האָט געשפּירט, אַז די ווערטער זענען זיינע טיראַנישע ריכטער און זיי האָבען זיין דעקרעט אַרויסגעזאָגט, אַז „ער האָט פערבראָכען, אַ שענדליכע זינד געטהאָן“, און די מליצים און בּיישטעהערס: תשובה, תפלה און בקשה, וועל'ן איהם ניט העלפען. אמת, זיין הארץ האָט געשריען צו גאָט: „רחמים, אונזער בּאַרמהערציגער פאָטער!“ — „מיינע נויטהען האָבען מיך געצוואונגען“ — „אַ איבּערגעוואקסענע מיידעל“ — דער מחותן האָט געוואָלט צוריַיסען די תּנאים; אָבּער ער האָט גוט געוואוסט אַליין, דאָס די אַלע תּרוצים וועלען איהם נישט העלפען אָבּצומעקען אין גאַנצען דעם חטא. „דער יום כפור איז מכפּר נאָר אַ זינד, וואָס מען טהוט געגען גאָט; אָבּער אַ זינד, וואָס איין מענש טהוט געגען דעם אַנדערן מענשען, איז אפילו דער טאָג פון שטאַרבּען אויך נישט מכפּר“, קלינגט אין זיינע אויהערן אַ שרעקליכער און מאוימדיגער קול, אַ קול וואָס צוריַיסט הערצער! ער האָט געווענדט זיינע אויגען צום סדור, וואָס ליעגט פאַר איהם, און זיין בּליק איז געבּליבּען הענגען אויף די ווערטער: „סיידען ער זאָל איהם איבּערבּעטען“, און אַ פונק פון האָפנונג האָט בּאַלד בּעלוכטען זיין פינסטער הארץ; נאָר בּאַלד די מינוט האָט זיך אויסגעלאָשען אויך אָט דער פונק. „איהם איבּערבּעטען? — אָבּער איך וועל דאָך פערליערען מיין גוטען נאָמען. און וואָס וועל איך טהון מיט מיין איבּערגעוואקסענע טאָכטער, אַז דער מחותן וועט צוריַיסען די תּנאים? און וואָס וועט חוה בּריינע זאָגען?

„רחמים, רחמים, בּאַרמהערציגער פאָטער אין הימעל!“ האָט פלטיאל אין דער שטיל געבּעטען ווי פערצווייפעלט.

ער האָט זיך ניט אומגעקעהרט צוריק צום אָרט, וואו ער האָט מפסיק געוועזען אין דער „תפלה זכה“. ער האָט זיך פערטיעפט אין טרויעריגע געדאַנקען. זיין פערגאַנגענעם לעבּען בּיז איצט איז אַרויפגעקומען פום פינסטערן אָבּגרונד, און פאַרבּייגעגאַנגען פאַר זיינע אויגען. ער, פלטיאל, אַזוי לאַנג ווי ער לעבּט האָט ער זיך ניט געבּאָדען אין מילך און וויין. אַ סך, אַ סך מאָל האָט ער געזעהען די נויט מיט איהר גאַנצער אכזריות. אַלע זיינע לעבּענסטעג זענען געוועזען אַ קייט פון צרות און סבּות; נאָר גאָט האָט איהם נישט פערלאָזען. „ווי פיעל מאָל“ — האָט פלטיאל אין זיך געטראַכט, האָבּ איך געמיינט, אַז איך געה שוין צו גרונד אין מיין נויט. איך האָבּ נישט געזעהן אפילו אַ פונק פון האָפענונג, איך האָבּ נישט געוואוסט מאין יבוא עזרי, פון וואַנען זאָל קומען מיין הילף, און גאָט האָט מיר צוגעשיקט זיין ישועה אין דער

העלסטער שטופּע פון נויט, און דאָס האַרץ מיט די הענד זענען ביי מיר ריין געווען. און איצט האָב איך נישט געוואָלט אויף גאָט מיך פערלאָזען" — אונגליקליכער! אונגליקליכער! גנב! גנב! האָט געקלונגען אין פלטיאל'ס אויהערן, און ער עפּעס ווי ער וואָלט געהאַט אַ טרויעריג פערגניגען צו רייטצען זיין נשמה, צו קראַטצען זיינע וואונדען, ווי איינער וועלכער האָט אַ וואונד, וואָס נור אַ ריהר מיט דער האַנד מאַכט איהם שמערצען, און ער קאָן זיך בשום אופן ניט איינהאַלטען, אום ניט צו טאַפּען מיט זיינע פינגער אַלע ווייַלע דעם אָרט, וואו די וואונד איז.

פערזונקען טיעף אין זיינע מחשבות, האָט פלטיאל פערגעסען זיין תפלה און דעם בית-מדרש. דער עולם האָט שוין געענדיגט די „תפלה זכה", און זיך מכין געווען צו כל נדרי". דער חזן איז שוין געשטאַנען מיט זיין קלאַפּער-געצייַג ביים „עמוד". נעבען איהם רעכטס און לינקס זענען געשטאַנען מיט אַ רייניגקייט אין די הענד צוויי בעלי-בתים, די בכבודסטע פון דער קהלה; איינער פון זיי איז געווען ר' זלמן פיינהערץ. אין בית-מדרש הערשט אַ שטילקייט.

„עַל דַעַת הַמָּקוֹם וְעַל דַעַת הַקָּהָל.

בִּישִׁיבָה שֶׁל מַעְלָה וּבִישִׁיבָה שֶׁל מַטָּה

אָנוּ מַתִּירִין לְהִתְפַּלֵּל עִם הָעֲבַרְיָנִים!"

איז אַריין פלוטצלונג אין פלטיאל'ס אויהערן דער קול פון ר' זלמן פיינהערץ, און דער קול איז ניעדעריג געוועזען, אָבער צומישט מיט זיסקייט און טרויער. פלטיאל האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין פערטראַכטקייט. ער האָט אויסגעדרעהט דעם קאָפּ צו קוקען אַהין, וואו ר' זלמן פיינהערץ איז געשטאַנען, און עס האָט איהם אויסגעדאַכט, אַז ר' זלמן פיינהערץ קוקט גלייך צו איהם, נאָר נישט אין זיין געזיכט, אָבער דער קוק קריכט אַריין טיעף טיעף אין זיין האַרצען און לייענט דאָרט די ווערטער: „גנב! גנב!" און ער, זלמן פיינהערץ, איז מתיר צו מתפלל זיין מיט איהם, דעם בעל עבירה, דעם חוטאניק!

„רחמים, רחמים!" — האָט דאָס האַרץ אין פלטיאל'ן געשריען מיט אַ שטאַרקען ביטערן קול.

## IV.

מען האָט געענדיגט די מעריב תפלה, געזאָגט די ערשטע פיער מזמורים פון דעם תהלים, געזונגען שיר היחוד, און דער עולם איז

צוריק א היים געגאנגען שלאפען און פערשאפען זיך פרישע קרעפטען צום מארגענדיגען טאג, און אין בית־מדרש זענען איבערגעבליעבען נאר די, וואס זענען עוסק כמעט די גאנצע נאכט אין תהלים־זאגען און אין לערנען משניות, און אז עס פאלט אויף זיי דער שלאף, שלאפען זיי עטוואס אויף דרערד מיט אביסעל היי צוקאפענס. אויך פלטיאל איז געוועזן צווישען די לעצטע. ער איז זיך געזעסען אין א ווינקעל. דער תהלים איז אפען פאר איהם און ער זאגט אין איהם מיט התלהבות. זיינע אויגען זענען אריינגעטאהן אין דעם ספר, אהן א בליק צו געבען אן א זייט. זיינע ליפען בעוועגען זיך און ער מישט פאר איינס די בלעטער, ביז עס חאפט איהם אן דער שלאף. ער וויל פעריאגען דעם שלאף, וויל אויף זיין, רייבט זיך אוים מיט די פינגער די אויגען, טהוט א שמעק טאבאק, נעהמט צוזאמען זיינע געדאנקען; נאר דער קאפ איז איהם שווער, די בלעטער פונ׳ם ספר זענען ווי איינגעריכט אין טינט און טוש, די שורות ווי קרום און שיף. פון פלטיאל׳ס אויגען געהען פונקען פייער ארויס. די ברעמען לאזען זיך אראב און הויבען זיך אויף אלע ווייל[ע] צוריק. די ראיה ווערט פון מינוט צו מינוט שוואכער. זיין קאפ איז פול צומישונג און ער שלאגט מיט דער נאז אלע מאל אויף די בלעטער, ביז דער ספר האט זיך ארויסגערוקט פון זיינע הענד. זיין קאפ איז אנידערגעפאלען אויף דעם היי און ער איז איינגעשלאפען.

און דער שר פון די חלומות איז געקומען מאכען חוזק פון איהם.

עס האט זיך איהם געחלומ׳ט: היינט איז יום כפור; נור עס איז אויך א יריד אין זיין שטאדט. פון אלע דערפער ארום קומען אן א מאסע מענשען און זעהר פיעל בהמות. דער גאנצער מארק איז פול מיט וועגען, פערד, אכסען און קיה, מענשען און פיה. איינער דעם אנדערן שטויסט און דריקט מיט א גערויש, מיט א געשריי און א געוואלט. דער קויפט און דער פערקויפט, און דער בעשעפטיגט זיך מיט א מעקלעריי. אויך אלע יודען פון זיין שטאדט מיט זייערע ווייבער און קינדער געהען ארוים אויפ׳ן מארק און האנדלען און שאחערן. אלע לויפען, איילען א הין און א הער און זענען פערטהון אין זייערע מסחרים; דער פיהרט מיט א שטריק א קוה, דער געהט פון אינטען נאך א פוהר פול מיט תבואה, אין דעם שיקט גאט צו אנ׳אנדערע מציאה. און ער, פלטיאל, איז אויך אויפ׳ן מארק צווישען די געקומענע צום יריד, מען שטויסט איהם, מען דריקט איהם פון אלע זייטען. פלטיאל בלייבט ערשטוינט, וואונדערט זיך, ווי אזוי איז עס מעגליך, אז יודען זאלען מאכען געשעפטען אין דעם היילינען שרעקליכען טאג, אום יום כפור. ער געדענקט, דאס אלע יאהר

אין דעם טאָג געהען די יודען נישט אַרויס פון זייער בעט־הויז פון אָבענד ביז אָבענד, און זיי זענען עוסק נאָר אין תפלות ותחנונים און אין זאָגען מחזור, און טהוען די שיך אויך ניט אָן! און איצט זענען אַלע עוסק אין געשעפט און געהען אין שיך! — אויף דעם אָנטהון די שיך האָט זיך פלטיאל געחדוש'ט מעהר, ווי אויף אלץ, וואָס ער האָט געזעהען פאַר זיינע אויגען. צי זעה איך דאָס אַלעס טאַקי אין אמת'ן אָדער מיר חלומ'ט זיך נאָר אַזוי? — איז אַרויף אַ געדאַנק אויף פלטיאל'ס מוח אין זיין שלאָף — אָבער ניין, ניט אין חלום זעה איך דאָס אַלעס — האָט ער זיך אַליין געענטווערט — איך בין ווירקליך זעלבסט צווישען עולם אויפ'ן מאַרק. איך בין אויף, איך שפיר די ענגשאַפט, דאָס שטויסען זיך און קוועטשען זיך, איך הער מיט מיינע אויהערן דעם גערויש און די קולות! און דאָס אַלעס פיהל איך און הער וואַכענדיג, ניט אין חלום. — וואָס אַלע יודען מעגען, מעג איך אויך, האָט פלטיאל געפסק'עט אַ דין פאַר זיך אַליין, און דערביי האָט ער אויפגעהויבען די אויגען און געזעהן אַ מוזשיק שטעהט מיט זיין פערד. דאָס פערד איז איהם געפעלען געוואָרען. ער איז צוגעגאַנגען צום דעם מוזשיק און האָט אָבגעקויפט דאָס פערד פון איהם. ער רייט אויף דעם פערד, אום צו פרובען זיין גאַנג, ער קוקט, בעטראַכט איהם, און עס איז עפּעס גאָר נישט צו פערשטעהען! דאָס פערד איז אַ פערד, אָבער אויך אַ מענש, און זעהט אוים אויפ'ן פנים ריכטיג ווי זלמן פיינהערץ! ער בלייבט ערשטוינט, וואונדערט זיך, היתכן, ווי אַזוי איז עס מעגליך, אַז דאָס פערד זאָל זיין אויך אַ מענש? נאָר ער זעהט עס אָבער פאָרט מיט זיינע אויגען. ער וויל אַראָבקריכען פון דעם פערד, אָבער דאָס פערד טראָגט איהם און לויפט גאַלאָפּ, ביז עס איז געקומען צו אַ קראָם. דאָרט האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט, אַראָבגעקראָכען פון דעם פערד און איז אַריין אין קראָם, צו קויפען עפּעס אַ זאַך. און אין דער אייגענער צייט, ווען דער קרעמער וועגט איהם די סחורה אין אַ וואָגשאָל, וועגט מען אויך זיינע עבירות און זיינע מצות, און ער שטעהט און בעטראַכט עס! און דער ציגנעל פון די וואָגשאָלען בעלאַנסירט, וואַקעלט זיך, אַ מאָל רעכטס און אַ מאָל לינקס, אָהן אָבצוטרעטען וויַיט פון דעם מיטעלפונקט. אַ מינוט לאָזט זיך אַראָב די שאָל פון די עבירות און די שאָל פון די מצות נעהט אַראָב. נאָר באַלד האָבען צוויי מענשען געבראַכט אַ שטיק פּאַפּיער און עס אַרויפגעלעגט אויף דער שאָל פון די עבירות. ער דערקענט דאָס שטיק פּאַפּיער, עס איז דער הונדערטרובעלשטיק, וואָס ער האָט געגנב'עט ביי ר' זלמן פיינהערץ. נאָר ער איז גרעסער, ווי ער איז געוועזען. אַרום

איהם אַ שוואַרצער ראַנד און זײַנע אותיות אין מיטען זענען רויט ווי בלוט. ער איז זעהר שווער. די צוויי מענשען זענען ניט אים שטאַנד געוועזען צו האַלטען איהם, און, ווי נאָר זיי האָבען איהם אַרויפגעלעגט אויף דער שאָל פון די „עבירות“, האָט זיך באַלד אַרונטערגעלאָזען די שאָל מיט אַ דונערדיגען זעטץ און מיט אַ ראַש ביז צום אָבגרונד.

און אין דער זעלביגער מינוט האָט אויפגעהויבען דער מענש, וואָס איז געלעגען ביי איהם צו קאָפּענס, זיין פוס, און אַ זעטץ געטהאָן מיט איהר אין פלטיאל'ס קאָפּ.

אין זײַנע אויהערן איז אַרײַן אַ וועה־קלאָגעדיגער קול, צו מישט מיט טרויער און געוויין.

״שְׁמָר תָּם וּרְאֵה יָשָׁר,
כִּי אַחֲרִית לְאִישׁ שָׁלוֹם
וּפוֹשְׁעִים נִשְׁמְדוּ יַחְדָּו,
אַחֲרִית רְשָׁעִים נִכְרָתָה״.

פלטיאל האָט אויפגעהויבען די אויגען. נישט ווײַט פון איהם איז געזעסען אַן'אַלטער אײַנגעבויגענער מאַן, אײַנגעוויקעלט אין זײַן טלית. זײַנע רויטע פערשלאָפענע אויגען זענען פערטיפט אין אַ ספר און פון זײַן מויל געהען אַרויס גאַנץ שטיל פסוקים פון תהלים.

ער האָט אָבגעקעהרט זײַנע אויגען פון דעם אַלטען און געקוקט אַרום זיך.

ווי אויפענס אויף בײַטען פון אַ פעלד, אַזוי זענען צושפרייט געווען אויף'ן פוסבאָדען שלאָפענדיגע, שנאָרכענדיגע מענשען. אַלע אײַנגעקנורעט און צוזאַמענגעצויגען אונטער זייערע טלתים. נאָר וואו ניט וואו זיטצען נאָך אייניגע און שטאַמלען מיט אַ פערשלאָפענעם איבערגעהאַקטען קול די פסוקים פון תהלים. אַ סך ליכט האַלטען בײַם אויסגעהען און דער רויך פון זיי צושפרייט זיך ווי אַ וואָלקען איבער דעם גאַנצען בית־מדרש.

און די לבנה מיט איהר בלאַסען פנים קוקט אַרײַן דורך דעם פענסטער שטיל און טרויעריג.

אַ פיבערהאַפטע ציטערניש האָט אָנגענומען פלטיאל'ן. דאָס בלוט איז אין איהם פערגליווערט געוואָרען.

ער האָט פערגעסען וואו ער איז.

ער האָט געמיינט, אַז ער איז שוין טוידט, און זײַן זינדיגע נשמה —

האָט נישט געפונען קיין רוה אויף יענער וועלט, און ער בלאָנזיעט אַרום איצט אויף דער וויסטער פוסטער וועלט. די איבערגעדעקטע הויפענס מיט טליתים זענען — קברים. די ברענענדיגע ליכט — גוסס׳ע מענשען, און דאָס זשומזיען און ברויזען פון דעם וואַכס איז דער קול פון די נשמות, וועלכע פערלאָזען דעם גוף און זיי יאָמערן אויף זייערע שטיקער ערד. און צווישען די קברים זיטצען נשמות און קלאָגען און צוגעהען אין טרעהרען איבער די זינד, וואָס זיי האָבען ביי זייער לעבען געטהאָן, און נאָר ער אַליין בלאָנזיעט צווישען די קברים, זיינע אויגען זענען טרוקען און ער קאָן נישט וויינען! אַ שווערער פינסטערער גזר־דין איז אויף איהם אַרויס; נאָר ער וויינט נאָך נישט; די קוועלע פון זיינע טרעהרען איז אויסגעטריקענט געוואָרען!

ער האָט זיך ערמונטערט, זיין זכרון איז צוריק צו איהם געקומען. ער האָט זיך אויפגעהויבען פון דער ערד, אויסגעקנאַקט זיך די ביינער, געקוקט אַרום זיך, און זיך דערמאָהנט, אַז יום כפור איז היינט און ער איז געבליבען אין בית־מדרש.

ער האָט זיך דערמאָהנט אויך דעם חלום און די וואָגשאָל, וואָס האָט זיך אַרונטערגעלאָזען ביז צום אָבגרונד, און איז זעהר אונרוהיג געוואָרען.

„דאָס האָט מיר גאָט געוויזען" — האָט פלטיאל געטראַכט אין זיך — „ווי מ׳האָט געוואויגען מיינע זכיות און מיינע חטאים אויף אַ וואָגשאָל, און מיינע חטאים זענען שווער ווי אַ שטיין, און די שאָל איז אַראָב צום גרונד, און איך בין אַ פערלוירענער!"

„ניין ניין!" — האָט זיך פלטיאל ענטשלאָסען — איך בין נאָך נישט אין גאַנצען פערלוירען. איך וועל נישט לאָזען מיין נשמה אַזוי זינדיג זיין. אַ ערליכער מאַן בין איך געווען און אַ ערליכער מאַן וועל איך זיין. אַז גאָט וועט וועלן מיר העלפען איז בודאי גוט, און באם נישט, זאָל גאָט מאַכען ווי ער וויל, און איך וועל ליידען און נישט פערקויפען מיין נשמה פאַר הונדערט רובעל. וועט קומען ר׳ זלמן אַ הער וועל איך תכף זיך מתודה זיין פאַר איהם, אַז איך האָב אַרויסגענומען די הונדערט רובעל, און אין אָבענד וועל איך איהם אָבברענגען אין שטוב אַריין".

פלטיאל איז רוהיג געוואָרען, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַזוי פאָרגענומען, און זיין פערצווייפלונג איז אַוועק ווי אַ רויך. ער האָט געוואַשען זיינע הענד, אויפגעמאַכט דעם תהלים, געזאָגט אין איהם מיט כונה, און אַלע ווײַלע אַ בליק געטהאָן אין פענסטער, זעהן צו עס טאָגט שוין,

צו עס קומט ר׳ זלמן. ער האָט געוואָלט מאַכען אַ סוף, אַראָבוואַרפען דעם שווערען שטיין, וואָס איז איהם געלעגען אויפ׳ן האַרצען און שטאַרק געדריקט.

## IV.

עס איז געוואָרען טאָג.

די ערשטע שטראַהלען פון דער זון האָבען אַרויסגעצויגען בּיסלאַכוויַיז פלטיאל׳ס שרעק און שוואַך געמאַכט זיַין פּחד. ער האָט אָנגעהויבען זיך צו שלאָגען מיט דער דעה, און אין זיַין האַרצען האָט זיך ערוועקט אַ שטאַרקע מלחמה. עס איז איהם שווער געווען זיך צו פּאַסען אויף איינס, און האָט נישט געוואוסט ווי אַרויסצוגעהן פון דער ענגשאַפט.

„זאָל איך אָבגעבען? אַז איך וועל נישט אָבגעבען? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט — אַז איך וועל נישט אָבגעבען זאָ פערליר איך מיין חלק עולם הבא; נאָר אַז איך וועל אָבגעבען: וואָס וועט חוה בריַינע, מיין וויַיב זאָגען? און וואָס וועל איך טהון, אַז דער מחותן וועט אָבלאָזען דעם שדוך, און אַז עס וועט בעקאַנט ווערן צווישען לייַטען, אַז איך האָב געגנב׳עט? זאָ וועלען דאָך אַלע מיר נאָכשריַיען, ווי נאָך אַ גנב און שפּיַיען מיט פעראַכטונג אין מיַין פּנים.

„וואָס טהוט מען? וואָס פאַר אַן׳עצה גיט מען זיך? — האָט פלטיאל צו זיך גערעדט און געבּיסען די אונטערשטע ליפּ. „איינס פון די בּיידע מוז איך, אָדער פערליַרען מיַין חלק עולם הבא, אָדער זאַט ווערן מיט צרות און ליַידען, שאַנד און שפּאָט דאָ אויף דער וועלט. „אָדער דאָ אָדער דאָרט״.

די בּית־מדרש־לייַט האָבען שוין אָנגעהויבען זיך צוזאַמענקומען; דער בּעל־תּפלה פון „אָנהויבענס״ איז שוין געשטאַנען פאַר׳ן עמוד און געזונגען „אדון עולם״ מיט זיַין בּעזונדערן נגון. אייניגע פון די יונגע מושלמדיגע בּעלי־בּית׳לעך האָבען איהם צוגעהאָלפען און בּעשענט נאָך מיט די קולות פון זייערע העלזער. אין די ווערטער „אדון עולם״ האָט פלטיאל אויך געהערט. „אָדער דאָ אָדער דאָרט״.

פלוטצלונג האָט זיך בּעוויזען פאַר איהם זלמן פייַנהערץ.

פלטיאל האָט געוואָלט זיך אויפהויבען פון זיַין געזעס און צוגעהן צו איהם; אָבער ער איז געבּליבּען אויף זיַין אָרט.

„איך וועל מיך בעראַטהען מיט חוה ברײַנען״ – איז בײַ איהם געבליעבען אַ פעסטע דעה.

---

## VI.

דער בית־מדרש איז פול מיט מענשען. אַלע דאַוונען מיט יראת שמים, גיסען אוים ווי וואַסער דאָס האַרץ פאַר גאָט אין זייער תּפלה, און די פערשידענע קולות שליסען זיך צוזאַמען און ווערן איין שטאַרקער הערצער־רײַסענדיגער קול. אויך פלטיאל איז מתפלל, נאָר ער פיהלט נישט, וואָס זײַן מויל זאָגט. די ליפען בעוועגען זיך בײַ איהם, און דאָס האַרץ איז נישט דערבײַ. אָהן זײַן ווילען קריכען איהם אין קאָפּ אַרײַן געמישאַכצען: דער חלום, דאָס פערד, זלמן פײַנהערץ, חוה ברײַנע, דער מחותּן, דער שדוך, „דאָ אָדער דאָרט״ און די שורות אין דעם סדור ציטערן און שפרינגען פאַר זײַנע אויגען, שאָקעלט דעם קאָפּ: אָבער עס איז איהם אַרויסגעקומען אַ משונה׳דיקע זעלטענע תּנועה, און זײַנע אויגען לאָזען ניט אַרוים קײַן טרעהרען.

ער איז בײַז געוואָרען אויף זיך אַליין.

ער האָט נעזוכט אַ מיטעל צו פערטומלען זיך דעם קאָפּ און צומישען זײַנע געדאַנקען, כּדי דאָס געוויסען זאָל נישט לעכערן איהם דעם מוח. ער האָט עס געפונען אין די לאַנגע שווערע פזמונים. ער האָט „געגעסען דעם פיוט מימ׳ן פולען מויל״, געקײַט די האַרטע ווערטער, געמאָהלט מיט די צייהן די שווערע און פערדרעהטע פערזען. ער חאַפּט און זופט און שלינגט און שרײַט אויפ׳ן קול:

„פַּחֲדוּ יָחִיל שׁוֹטְמִים
פִּיוֹתָם הָיוּת אֲטוּמִים
פְּרָהָיו בְּמִשְׁעֲנוֹתָיו חֲטוּמִים
פַּלְטֵם מֵרֶכֶל פְּטוּמִים״.

נישט וויסענדיג דעם טײַטש פון איין וואָרט און נישט ווילען גאָר צו וויסען. גענוג אַז ער פערמאַטערט דעם פּנים און דעם מוח. דער שווײס בעדעקט זײַן שטערן און זײַן געזיכט און ער איז מיד און מאַט.

„תּוֹלֶה אֶרֶץ בִּזְרוֹעַ יָדוֹ
מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ׳.

הערט ער דעם חזן דריײַהען. און דער גאַנצער „עולם” האָט זיך דערלאַנגט אַ שטעל אויף מיט אײַנמאָל, ווי אַ גרופּע סאָלדאַטען אויף דעם בעפעהל פון זייער מושטירער. אַלע האָבען זיך איבערגעהילט אין גאַנצען מיט די טלתים, און די תּפלה „ונתנה תוקף”, וואָס איהר אַנדענקען איז פערבונדען מיט אַ וואונדערליכע לעגענדע, איז אַרוים פון די מענער׳ס און פון די ווײַבער׳ס מײַלער צוזאַמען מיט געוויין, מיט קולות און געוואַלדען, אַזוי ווי בײַ דעם אונטערגעהען אַ שיף אויפ׳ן ים, רחמנא לצלן.

„אֱמֶת כִּי אַתָּה הוּא דַיָּן וּמוֹכִיחַ,
וְיוֹדֵעַ וָעֵד, וְכוֹתֵב וְחוֹתֵם
וְתִזְכּוֹר אֶת כָּל הַנִּשְׁכָּחוֹת,
וְתִפְתַּח אֶת סֵפֶר הַזִּכְרוֹנוֹת וּמֵאֵלָיו יִקָּרֵא
וְחוֹתָם יַד כָּל אָדָם בּוֹ!”

האָט מיטגעזאָגט אויך פלטיאל׳ס מויל. דאָס האַרץ איז איהם דאָ פול געוואָרען, און פלוטצלונג האָט זיך געעפענט די קוועלע פון זײַנע טרעהרען און ער האָט אַרויסגעלאָזען אַ מאַוימדיקען קול מיט אַ געוויין. די ווערטער: „ותפתח את ספר הזכרונות ומאליו יקרא וחותם יד כל אדם בו” האָבען דורכגעבויהערט זײַן האַרץ ווי שפּיטציגע פײַלען. — אָט אין דעם דאָזיגען אויגענבליק — האָט פלטיאל געטראַכט — זיצט דער רבונו של עולם אויף זײַן שטוהל מיט וואָגשאָלען אין דער האַנד, און דער „ספר הזכרונות” איז אָפען פאַר איהם און די חתימה פון יעדען מענשען איז אין דעם ספר. דאָרט איז דאָ אויך זײַן חתימה; ער האָט מיט זײַן אייגענער האַנד געשריבען אין דעם „ספר הזכרונות”, בשעת זײַן נשמה איז אַרויף אויפ׳ן הימעל, אַז ער, פלטיאל, האָט געגנב׳עט און אַראָבגעלאָזען ביז צום אָבגרונד פון זײַן קעשענע, און איצט שטעהען די אותיות און שרײַען פאַר דעם כסא הכבוד: פלטיאל גנב! פלטיאל גזלן! און ער האָט נאָך חוצפּה, זיך אַוועקצושטעלען אין גאָט׳ס הויז צווישען גוטע פרומע יודישע קינדער, בעטען פאַר זײַן לעבען! ער, וואָס זײַן זינד איז אויסגעקריצט אין דעם ספר הזכרונות!

פלטיאל איז צוטומעלט געוואָרען.

„וּמַלְאָכִים יֵחָפֵזוּן
וְחִיל וּרְעָדָה יֹאחֵזוּן
וְיֹאמְרוּ: הִנֵּה יוֹם הַדִּין!”

איז אריין פלוצלונג אין פלטיאל'ס אויהערן דעם חזנ'ס באס=באר=
טאן=טענאר=קול. דער קול איז אין אנפאנג שוואך און ניעדעריג געווען,
נאר וואס אמאל איז ער אלץ העכער און שטארקער געגאנגען, ביז די
פענסטער האבען אזש געציטערט, ווי ער האט א געשריי געטהאן מיט אלע
כחות און מיט'ן גאנצען גארגעל „הנה יום הדין!"

פלטיאל האט זיך צום הארצען גענומען.

„ניין, ניין! — האט פלטיאל געזאגט — זאל זיין וואס עס וויל! נאך
דער „קדושה" וועל איך אויסזאגען מיין סוד ר' זלמנ'ען און איהם בעטען,
אז ער זאל מיר מוחל זיין".

מען האט געענדיגט דעם „ונתנה תוקף", געענדיגט די קדושה, און
פלטיאל האט זיך ניט גערירט פון זיין ארט.

---

## VII.

מען האט אבגעדאווענט „מוסף" און „מנחה", און דער עולם האט
אנגעהויבען זיך מכין זיין צו „נעילה". די זון האט פערגאלדעט די שפיט=
צען פון די בוימען. דער „שבת גוי" האט אנגעצונדען ליכט, לאמפען
און זיי צושטעלט אויף די טישען און אויף די פענסטער. יודען מיט
טוידט=בלאסע געזיכטער זיצען אין פארהויז, אום אבצורוהען זיך א
ביסעל פון דער מידמאכענדיגע ארבייט אזוי לאנג. א טהייל שנופפען טא=
באק און א טהייל שמעקען הארצטראפענס, אויך א וויטץ, א גלייכווער=
טעל הערט מען אלע ווייל. דער יוד פיהלט דאמאלס א אינווענדיגע
שמחה און א מונטערקייט, ווי איינער, וואס ווייס, אז ער האט אבגע=
פטר'ט די ארבייט, וועלכע ער מוז טהאן. „מיר האבען געטהאן דאס
אונזעריגע, געפאסט, געפייניגט אונזערע נפשות, געבעטען מיט געוויין
און יללות, איצט טהו אויך דו, רבונו של עולם, דאס דייניגע!" —
זאגען די יודישע קינדער. — נאר פלטיאל אליין זיצט ווי צוגעשלאגען
מיט נעגעל אויף זיין ארט, איינגעבויגען און פערצאגט, דעם קאפ האלט
ער אנגעשפארט אויף די הענד, דער גייסט איז ביי איהם אונרוהיג,
דאס געמיט שווער, די נשמה צוגעהט ווי וואקס און אין זיין הארץ איז
א שטארקע שרעקליכע מלחמה. אין די אויהערן קלינגען איהם די ווער=
טער: „פתח לנו שער, בעת נעילת שער!". ער ווייס אז די מינוטען
זענען געצעהלטע; נאך אין א קליין ווייל'ע ארום וועלען צוגעשלאסען
ווערען די „שערי הרחמים" אויפ'ן הימעל, און ער האט נאך גאר נישט
געטהאן, אום צו רעטען זיין נשמה, און אז נישט איצט, טא ווען זשע?

פלטיאל האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין אָרט געשווינד.

„איך נעהם אויף זיך צו ליידען און פערטראָגען מיט געדולד" — האָט פלטיאל אין זיך געזאָגט — „די קללות און זידלעריי פון מיין ווייב חוה ברײנע. איך נעהם פאַר ליעב אַלע מינים פון יסורים, פּרעניות, צרות און ליידען, אַבי נאָר נישט פערלירען מיין חלק עולם הבא".

ער איז צוגעגאַנגען צו ר' זלמנ'ען.

ר' זלמן... איך האָב אייך עפּעס צו זאָגען — האָט ער איהם איינגערוימט אין אויהער.

— שפּעטער נאָכ'ן דאַווענען.

— ניין, ניין, ניין! איצטער! — האָט זיך אָן איהם אָנגעציעפּעט פלטיאל.

זלמן האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין אָרט.

פלטיאל האָט איהם געפיהרט הינטער'ן בית-מדרש.

— ר' זלמן, זייט מיר מוחל! האָט פלטיאל זיך געבעטען אין דער שטיל, און פון זיינע אויגען האָבען גערונען טרעהרען.

— גאָט מיט דיר, פלטיאל! וואָס האָב איך צו דיר? וואָס האָסטו מיר פאַר אַ שלעכטס געטאָהן? — האָט ר' זלמן געפרעגט פערוואונדערענדיג זיך.

— ר' זלמן, — האָט פלטיאל געזאָגט, צוגעהענדיג אין טרעהרען, ווי זאַלץ אין וואַסער, — די הונדערט רובעל האָב איך גענומען. גאָט ווייס דעם אמת, איך בין נישט קיין גנב, נאָר דער מחותן האָט געוואָלט צו רייסען די תנאים, איך בין אַריין אין קראָם, קיינער איז נישט געווען, האָב געזעהן און מיר נעמאַלט אַ היתר. אָבער איך בין שוין אָבגעקומען פאַר מיין זינד! היינט אָבענד וועל איך אייך אָפּברינגען די הונדערט רובעל. נאָר איך בעט אייך, זייט מיר מוחל! איך ווייס, אַז דער מחותן וועט צוריסען די תנאים און מיין ווייב וועט מיר פערביטערן דאָס לעבען, נאָר איך נעהם דאָס אַלעס פאַר ליעב, ווען איך ווייס, אַז מיין זינד איז פערגעבען.

ר' זלמן האָט אויף דעם גאָרנישט געענטווערט. ער האָט אַרויסגענומען פון זיין קעשענע די שקעטאַלע, געטהאָן אַ שמעק טאַבאַק, נאַכהער אַרויסגענומען אַ רויטהע טיכעל און אָבגעווישט מיט איהר די נאָז. נאָכדעם האָט ער זיך געקנייטש דעם שטערן און געענטווערט געלאַסען;

— אי, חלילה, דאָס וויל איך נישט, אַז איך זאָל זיין דער שליח און דורך מיר זאָל צוריסען ווערן די תנאים. טאַקי אמת, דו האָסט גע-

טהאָן נישט ווי עס דאַרף צו זײַן, אָבער אונזערע חכמים האָבען געזאָגט: „אל תדין את חברך עד שתגיע למקומו״, זאָלסט נישט אורטהײַלען דײַן חבר, אײדער דו קומסט צו זײַן לאַגע. זאָל בלײַבען דאָס געלד בײַ דיר צום סלק׳ן דעם נדן, אונד אָבענד ברינג מיר א געחתמ׳עטען וועכסעל מיט דײַן אונטערשריפט אלײן, און ווען דו וועסט א׳יסצאָהלען אפילו בּיסלאַכווײַז מאַכט אויך נישט אויס.

— איהר זענט אַ׳מלאך פון הימעל! — האָט פלטיאל אויסגעשריען מיט א געשטיקטען ווײַנענדיגען קול און שטאַרק געדריקט ר׳ זלמנ׳ען די האַנד אויס דאַנקבאַרקײַט.

— חלילה — האָט ר׳ זלמן געענטווערט געלאַסען — איך בין וואָס דו, און דו וואָס איך. דו — ביסט אַ יודיש קינד, איך איך בין — אַ יודיש קינד!

Hebr. Ej. 891


=א נייע=

בוכדרוקעריי

„אוניווערזאל" ווארשא ליעשנא 31

איינגעריכטעט נאך די לעצטע פאדערונגען פון דער דרוקעריי-קונסט אין אייראפא.

די גרויסע עלעקטרישע מאשינען, די נייע בוכשטאבען מיט פערציערונגען (ארנאמענטען) וואס די דרוקעריי בעזיצט גיעט איהר די מעגליכקייט אויס-צופיהרען אלערליי דרוק-ארבייט, אין אלע שפראכען: יודיש, העברעאיש, רוסיש, פאלניש א.ז.וו. רעיעל, פינקטליך און צו די מעסיגסטע פרייזען.

עס ווערען אנגענומען בעשטעלונגען אויף: וויזיט-קארטען, חתונה-בילע-טען, פאסט-קארטען, פאסט-פערעוואדען (פרויקאזען), פאסט-פאפיער (בלאנקע-טען), צירקולארען, רעכנונגען, קוויטאריושען, בראשורען, פרייז-קוראנטען און א. וו.

פע-פאסער און פערלעגער פון דער פרעמד קענען שיקען זייערע ווערק דירעקט אהער. א שטרענגע הגהה (קא-רעקטור) ווערט געזיכערט. וועגען פרטים און פרייזען קען מען זיך ווענדען בריעפ-ליך, איינשליסענדיג א מוסטער פון דער ווערק מיט מארקען אויף ענטפער.

ТИПОГРАФІЯ ☞ פערצייכענט די אדרעסע: ☜ DRUKARNIA

„УНИВЕРСАЛЬ"
Варшава, Лешно № 31
Телефонъ 231-28.

„UNIVERSAL"
Warszawa, Leszno № 31
Telefon 231-28.


**ЦУЛИБЪ НЕДАНЪ, т. е. ради приданнаго.**

Переводъ Эфр. Домерацкаго.

Типогвафія „Универсаль", Варшава, Лешно 31.